# מיט א טיפערן בליק

## פרשת מטות מסעי תשפ"ה

# די אייגענע מ"ב מסעות!

בס"ד

א גוטן טייערע חברים וידידים..!

מיר האלטן אצינד ביי פרשת מטות מסעי אין וועלכע מיר דערנענטערן זיך צו בסייעתא דשמיא צום שלוס פון ספר במדבר, מיר קומען שוין אט אט אָן צום "חזק חזק ונתחזק" וואס מיר וועלן אינאיינעם אויסשרייען ביים מסיים זיין. איז כדאי צו כאפן א בליק אריין אין די פרשה פון די 'מַסָעוֹת' וועלכע די תורה הקדושה רעכנט אויס אין פרשת מסעי, די סך הכל אין קורצן פון אלע פערציג יאר וואס אונזערע עלטערן האבן געוואַנדערט אין מדבר.

דאסמאל ווען מיר מקצר זיין אין די דיוקים פון אנהייב, מיר ווען איבערלאזן די איבריגע אויף שפעטער דורכאויס אונזער שמועס, וואו מיר ווען בעזהשי"ת אויסברייטערן פארשידענע נקודות וואס ווערן דא מבואר אין די תורה הקדושה. נאר אזויפיל לאמיר זיך יא אפשטעלן און פרעגן, פארוואס טאקע רופט עס אָן די תורה הקדושה מיט די ווערטער "אֵלֶּה מַסְעֵי בְנֵי יִשְׂרָאֵל" און רעדט בלויז פון די נסיעות פון איין פלאץ צום אנדערן, לכאורה וואלט מען ענדערש געדארפט רעדן פון די 'חֲנָיוֹת' וואו די אידן האבן גערוהט. אין זייער אסאך פון די פלעצער וואו מען האט גערוהט האבן די אידן געוויילט פאר לאנגע יארן, דארט האבן זיי געוואוינט, דארט האבן זיי געלעבט; דאגעגן די מסעות אינצווישן זענען געווען נאר א קורצע אריבערגאנג אנצוקומען פון איין פלאץ צום אנדערן, אויב אזוי פארוואס מאכט מען אזא עסק פון די מַסְעֵי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל, און נישט פון חֲנָיוֹת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל.

**נאך א מזל אז ס'איז געווען פארשריבן!**

לאמיר אנהייבן אונזערע ווערטער מיט א מעשה שהיה, א אמת'ע עפיזאד וואס איך קען פון די נאנט.

א יונגערמאן, לאמיר איהם אנרופן ר' יחזקאל, מיט וועמען איך פארברענג שוין א שיינע פאָר יאר און קען איהם גוט, איז א מענטש וואס ארבעט אויף זיך זייער שטארק, ער וויל זיך שטענדיג פארבעסערן און שטייגן העכער אין לעבן. לשבחו פון יחזקאל דארף ארויסגעברענגט ווערן אז ער האט זיך אויפגעמאכט זיינע אויגן און אויערן, ער האט אנערקענט געוויסע שוואכקייטן פון וואס ער לייד [א מענטש איז דאָך נאר א מענטש און קיינער איז נישט קיין מושלם] און ער האט זיך אונטערגענומען א מיסיע פון באמת משקיע זיין כוחות אין זיך, צו ארבעטן נאך און נאך צו צוברעכן זיינע נישט-גוטע נאטורן און געוואוינהייטן, און ארויסקריכן צוביסלעך פון זיינע שוועריגקייטן וואס באגלייטן איהם.

ויהי היום איך באגעגן יחזקאל, אויף זיין פנים איז קענטיג א נידערשלאגנקייט, ער איז צובראכן און מוטלאז, און ער זאגט מיר מיט ביטערניש, "וואס זאל איך דיר זאגן?! איך שפיר ווי איינער וואס דרייט זיך ארום אין א רינג, איך גיי און איך גיי, אבער איך קום נישט אָן אין ערגעץ, איך טרעף זיך כסדר נאָכאַמאָל אינעם זעלבן אלטן פלאץ, ביי די זעלבע נקודה וואו איך האב אנגעהויבן מיט אפאר יאר צוריק". אזוי האט זיך יחזקאל אפגערעדט דאס הארץ, אז טראצדעם וואס ער לייגט אריין אזויפיל יגיעה צו אדרעסירן זיינע מידות און זיינע מעשים, אבער נאך יארן האָרעוואַניע פלאגט ער זיך נאך אלס מיט 'די זעלבע' זאכן ווי דעמאלטס, אנשטאט האלטן פופציג טריט פאָראויס, דערזעהט ער זיך נאך מיט די זעלבע חסרונות און שוועריגקייטן פון אמאל. "עס איז געגוי ווי א צוויבל" האט ער צוגעלייגט מיט ווייטאג, "מען שיילט אפ איין שיכט, און מ'אנדקעט אונטער דעם תיכף נאך א שיכט! עס ענדיגט זיך פשוט נישט, מ'קען שיילן און שיילן און עס באווייזן זיך כסדר פרישע שיכטן".

צווישן זיינע רייד האט זיך יחזקאל ארויסגעכאפט אז מיט עטליכע יאר צוריק ווען ער האט זיך ארויסגעלאזט אויף די רייזע פון זיין עבודה, האט ער זיך פארשריבן א רשימה, א פונקטליכע ליסטע פון די זאכן אין וועלכע ער שפירט א פליכט זיך צו פארבעסרן, די נקודות וואס דארפן א תיקון. און ער מיינט אז עס האט זיך נאך גארנישט געטוישט, ער דארף נאך היינטס צו טאגס ארבעטן אויף די זעלבע זאכן וואס שטייען אינעם אלטן צעטל.

השי"ת האט מיר חונן דעת געווען אין יענע רגעים, און איך געב א זאג פאר יחזקאל'ן, אדרבה, אויב דו האסט א צעטל פון דעמאלטס, ברענג עס אהער און לאמיר עס צוזאמען אדורכטוהן! אויב דו ביסט מסכים ווען מיר דאס איבערגיין אינאיינעם, און זעהן וואס דארט שטייט. יחזקאל האט מסכים געווען און ער האט געברענגט דעם צעטל.

ווען מיר האבן זיך אראפגעזעצט ליינען דעם צעטל שטייט און גרונטליך, און ארויסגעהאט קלאר וועלכע נקודות זענען דארט געשטאנען, האט זיך ארויסגעשטעלט א הערליכע בילד. יחזקאל האט באמת געהאלטן פופציג טריט פאָראויס פון דארט! ער האט געמאכט אזויפיל פאָרשריט אין די געציילטע פאָר יאר אז עס לאזט זיך גארנישט באשרייבן. ער איז געווען כמעט ווי א נייע מענטש קעגן זיינע אמאליגע פראבלעמען! נאר וואס דען? דאס איז דער כוח פונעם יצר הרע, ווי מיר האבן שוין גערעדט עטליכע מאל, אז ער ווארפט אריין דעם מענטש אין א געוויסע חשכות און טונקלקייט, אלעס ווערט אזויווי פאַרנעפּלט און אומקלאר, עס דאַכט זיך איהם אז זיינע פראבלעמען פון אמאל זענען די זעלבע ווי היינט, און ממילא פארלירט ער זיין סיפוק און חשק פון ארבעטן אויף זיך, ווייל ער מיינט אז ער האלט נאך ביי געגוי די זעלבע נקודות פונעם עָבַר, ווען באמת האט ער שוין אינצווישן געמאכט ריזיגע פאָרשריט.

א דאנק דעם צעטל וואס איז געווען פונקטליך פארשריבן מיט אלע דעטאלן וויאזוי עס האט אויסגעקוקט דער מצב ביי בראשית, ווען יחזקאל האט זיך ארויסגעלאזט אויף זיין לאנגע רייזע, האט ער זוכה געווען אצינד נאכן זיך מתבונן זיין ריכטיג, צו באמערקן ווי ווייט ער האט זיך שוין דערווייטערט פון דארט. יא די וועג איז טאקע א לאנגע, עס זענען כסדר דא נייע נסיונות און

נייע נקודות אין וועלכע מען דארף זיך פארבעסערן, ווילאנג א מענטש לעבט אויף די וועלט האט ער א שטענדיגע עבודה, ווייל איינער וואס פארענדיגט זיין תפקיד אויף די וועלט האט שוין נישט וואס צו זוכן דא. די מלחמת היצר און די נסיונות זענען אן אנגייענדע עבודה, אבער עס איז בכלל נישט קיין פארגלייך די עבודה ווען מען האלט שוין נאך א לענגערע פלאָג און יגיעה. דאס וואס איז נעכטן געווען א נסיון און שווער, איז היינט שוין בכלל נישט קיין נסיון, און עס איז אינגאנצן נישט שווער בייצושטיין.

### משה רבינו האט אלעס פארשריבן אין זיין ביכל

אצינד לאמיר ממשיך זיין מיט די פרשה, זיך פארטיפן אביסל אין די פסוקים פון די מסעות, און לאמיר לערנען אינאיינעם א שטיקל **אור החיים הקדוש:**

די תורה הקדושה הייבט אָן אונזער פרשה מיט די הקדמה "אֵלֶּה מַסְעֵי בְנֵי יִשְׂרָאֵל", אז דא גייט ווערן אויסגערעכנט די מסעות פון כלל ישראל, און באלד דערנאך שטייט אין פסוק ב' "וַיִּכְתֹּב מֹשֶׁה אֶת מוֹצָאֵיהֶם לְמַסְעֵיהֶם עַל פִּי ה'" משה רבינו האט אפגעשריבן די פלעצער פון וואו מען איז ארויסגעגאנגען און וואו מען האט זיך געצויגן לויט'ן באפעל פונעם אייבישטער, "וְאֵלֶּה מַסְעֵיהֶם לְמוֹצָאֵיהֶם" און דאס זענען זייערע מסעות און די פלעצער פון וואו מען איז ארויסגעגאנגען (ד.מ. דאס גיין און קומען פון איין פלאץ צום צווייטן). און דערנאך איז תורה הקדושה טאקע ממשיך מיט'ן אויסרעכענען די מסעות אנגעהויבן פון יציאת מצרים און ווייטער.

פרעגט דער אור החיים הקדוש, וואס וויל אונז די תורה לאזן הערן מיט די ווערטער "וַיִּכְתֹּב מֹשֶׁה אֶת מוֹצָאֵיהֶם לְמַסְעֵיהֶם עַל פִּי ה'" אז משה רבינו האט דאס געשריבן? משה רבינו האט דאָך געשריבן די גאנצע תורה. בכלל וואס באדייט די צוויי באזונדערע לשונות פון 'מוֹצָאֵיהֶם' און 'לְמַסְעֵיהֶם'? ועוד, פארוואס שטייט צום סוף נאָכאַמאָל "וְאֵלֶּה מַסְעֵיהֶם לְמוֹצָאֵיהֶם" ווען די תורה האט שוין איינמאל געשריבן פון פאָראויס "אֵלֶּה מַסְעֵי בְנֵי יִשְׂרָאֵל".

איז דער אור החיים הק' מחדש א חידוש נפלא: עס איז געווען א באזונדערע ציווי השי"ת צו משה רבינו בשעת די אידן זענען ארויס פון מצרים, אז ביי יעדע אָרט ווען מ'גייט ארויס פון דארט און מ'פאנגט זיך אָן צו ציען ווייטער זאל דאס משה רבינו פארשרייבן פאר זיך אין זיין ביכל. און אזוי האט משה רבינו געטוהן פון די ערשטע טאג אָן, **"שהתחיל משה לכתוב בפנקסו במצות המלך מיום שיצאו ממצרים"**, אין יענעם טאג האט משה רבינו פארשריבן פאר זיך אליינס די צוויי פאלגנדע פסוקים (פסוק ג' און ד') וַיִּסְעוּ מֵרַעְמְסֵס בַּחֹדֶשׁ הָרִאשׁוֹן בַּחֲמִשָּׁה עָשָׂר יוֹם לַחֹדֶשׁ וגו' יָצְאוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל בְּיָד רָמָה לְעֵינֵי כָּל מִצְרָיִם, וּמִצְרַיִם מְקַבְּרִים אֵת אֲשֶׁר הִכָּה ה' בָּהֶם כָּל בְּכוֹר וּבֵאלֹהֵיהֶם עָשָׂה ה' שְׁפָטִים. אזוי האט משה רבינו געשילדערט דאס ארויסגיין פון מצרים. דערנאך ווען מ'איז אנגעקומען קיין סוכות, האט ער געשריבן דעם קומענדיגן פסוק "וַיִּסְעוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל מֵרַעְמְסֵס וַיַּחֲנוּ בְּסֻכֹּת", און אזוי ווייטער האט יעדע מסע באקומען זיינע ווערטער אינעם ביכל פון משה רבינו דורכאויס די קומענדיגע פערציג יאר. עס איז געשריבן געווארן צוביסלעך ביי יעדע נסיעה נאך א שטיקל, ביז עס איז צוזאמגעשטעלט געווארן פון דעם די גאנצע סדר פון אלע צוויי און פערציג מסעות.

דאס מיינט "וַיִּכְתֹּב מֹשֶׁה אֶת מוֹצָאֵיהֶם" משה רבינו האט אנגעהויבן צו באשרייבן ביים ארויסגיין פון מצרים, "לְמַסְעֵיהֶם" און פון דארט און ווייטער אלע קומענדיגע מסעות "עַל פִּי ה'" לויט'ן באפעל פון השי"ת וואס האט איהם געהייסן אזוי טוהן, אפצושרייבן פאר זיך און האלטן חשבון אויף אלע מסעות. און דאס באדייט וואס די תורה חַזר'ט איבער און שרייבט "וְאֵלֶּה מַסְעֵיהֶם לְמוֹצָאֵיהֶם", אז דא קומט די רשימה וואס משה רבינו האט זיך פארשריבן דורכאויס די אלע יארן, אצינד ווערט דאס אריינגעשריבן אין די תורה.

### פון די מ"ב מסעות פון א איד ווערט תורה הקדושה!

בדרך רמז קענען מיר ארויסנעמען געוואלדיגע חיזוק פון די ווערטער פונעם **אור החיים הקדוש זי"ע.**

ווי באקאנט פון **ספרים הקדושים**, זענען די מ"ב מסעות וואס ווערן אויסגערעכנט אין אונזער פרשה, מרמז אויף די מסעות פון יעדע איינציגסטע איד דורכאויס זיין לעבן. יעדער איד גייט אדורך פארשידענע סארט 'מסעות' און געשעענישן פון ווען ער ווערט געבוירן ביז ווען ער פארלאזט די וועלט. ווי דער **דגל מחנה אפרים** ברענגט אין אונזער פרשה, **"אך דע ששמעתי בשם אא"ז [הבעל שם טוב הקדוש] זללה"ה כי כל המסעות היו מ"ב, והם אצל כל אדם מיום הולדו עד שובו אל עולמו"** דער בעל שם הקדוש זאגט אז יעדער איד גייט אדורך די מ"ב מסעות וואס שטייען דא אויסגערעכנט אין די תורה.

לערנען מיר דא א געוואלדיגע זאך, ווען א איד גייט אדורך זיינע מסעות, ער פארשרייבט אין זיין פריוואטן ביכעלע אזא נסיון, אזא אדורכגאנג, אזא שוועריגקייט, וכהנה וכהנה, פיל מיט זאכן וואס פאסירן אין זיין פריוואטע לעבן, פון דאס אלעס ווערט א תורה שלימה! גענוי ווי משה רבינו האט געשריבן די מ"ב מסעות אין זיין פריוואטן פנקס ווי דער אוהחה"ק זאגט אונז, און דערנאך האט השי"ת איהם באפוילן דאס מעתיק צו זיין און אריינשרייבן אין די תורה. אט דאס טוט זיך אפ ביי יעדער איד באזונדער. יעדער מענטש האט דאָך ווי געזאגט זיין אייגענע רייזע, זיין אייגענע מסע-החיים פון די מ"ב מסעות, און ער דארף געדענקן אז דאס איז נישט אומזינסט, דאס איז א עבודת הקודש און א געטליכע שליחות.

השי"ת שיקט איהם ארויס אויף דעם וועג, השי"ת פירט איהם פון איין ארט צום צווייטן מיט א פונקטליכע חשבון און א תכלית, און זיין עבודה איז 'איינצונעמען' און זיך שטארקן ביי יעדע שטאפל, טריט נאך טריט, נסיון נאך נסיון, זיך רוקן פאָראויס און שטייגן העכער, און פון דעם ווערט צוזאמגעשטעלט זיין אייגענעם ספר תורה, זיין אייגענע מגילה, וויאזוי ער האט אדורכגעמאכט די שטורמישע וועגן אויף די וועלט.

## די וויכטיגקייט פון חשבון און קלארקייט

ווי זיס און ווי לעבטיג איז טאקע ווען דער איד האלט ביי זיך א שטיקל פנקס, ער שרייבט אפ און פארצייכנעט זיך אלע זיינע מסעות, אזוי ווי משה רבינו האט געטוהן בשעתו.

און שרייבן מיינט נישט דוקא פיזיש שרייבן מיט'ן פעדער און פאפיר. (אמאל איז דאס גראדע יא די בעסטע עצה, ווי מיר האבן פריער דערמאנט די מעשה פונעם יונגערמאן וואס האט נישט איינגעזעהן זיין אייגענע הצלחה און פאַרשריט ווילאנג ער האט נישט מְעַיין געווען אינעם אייגענעם פנקס). די עיקר נקודה איז ווען א איד לעבט מיט א חשבון הנפש, מיט א קלארקייט, ער זעהט ווי ער איז געשטיגן און וויפיל ער האט זיך שוין געראקט.

און אפילו אזא איינער וואס זיינע מסעות זענען נישט אייביג אויף פאָראויס, ער פאלט צומאל, ער כאפט א ירידה פון צייט צו צייט, ווילאנג דער מענטש האלט אבער חשבון און ער ווייסט וואו ער שטייט אויף די וועלט, דאס אליינס איז א ישועה! עס איז באקאנט פון צדיקים, **הרה"ק דער חוזה פון לובלין זי"ע** און נאך, וואס האבן זיך באנוצט מיט'ן מאמר העולם וואס די סוחרים פלעגן זאגן **"אפגערעכנט איז האלב באצאלט!"** ווען א מענטש מאכט א קלארע חשבון, ער מאכט סדר אין זיינע הוצאות און חובות, אפילו ער האט נאך א לאנגע וועג צו גיין ביז צום באצאלן, אבער דאס אליינס אז ער ווייסט וואו ער האלט באמת, דאס איז שוין אזוי ווי האלב באצאלט. ווייל ווען דער מענטש לעבט אין דמיונות און בלבול המוחין, און ער האט נישט קיין אהנונג וואס טוט זיך אין זיינע ביכער, ער ווייסט נישט אויב ער פארדינט געלט אדער ער פארלירט, און וויפיל ער איז שולדיג און פאר וועמען, דאן איז דאָך נישט דא צו וועם צו רעדן.

די זעלבע איז אין עבודת השי"ת און אין רוחניות, דער וואס לעבט אָן קיין חשבון, ער ווייסט נישט אויב ער גייט אדער ער קומט, אויב ער שטייגט אדער ער פאלט, דער וועט דאָך נישט אנקומען אין ערגעץ. אבער אז מען רעכנט, מען פארשרייבט, מען קלארט זיך אויס אין קאפ און מען לייגט צו מחשבה "וואס זענען מיינע מסעות? דארף איך זיך פארבעסערן? אין וועלכע ריכטונג רוק איך זיך? מאך איך א שינוי לטובה אדער נישט?" און אזוי ווייטער, דאן איז דאס אליינס שוין האלב געשטיגן! דער מענטש ווייסט אביסל וואס טוט זיך מיט איהם, וואו ער האלט אויף די וועלט, און וואס זיינע אויפגאבעס זענען אויף ווייטער.

ווי וויכטיג איז די קלארקייט, די פונקטליכע ידיעה, כדי נישט אריינצופאלן אינעם 'נעפל' פונעם יצר הרע, וואס זוכט צו צוטומלען און צומישן דעם מענטש אז ער זאל שפירן ווי ער גייט נישט אין ערגעץ. און דער עיקר איז טאקע די 'מסעות' דייקא, די חלק פון זיך רוקן פאָראויס, נישט די חֲנָיוֹת און די קלייניגקייטן פון אינצווישן. אז מען ווייסט פונקטליך פון וואו מען האט אנגעהויבן און ווי ווייט מען האט זיך שוין דערוואייטערט פון דארט, וַיִּכְתֹּב מֹשֶׁה אֶת מוֹצָאֵיהֶם לְמַסְעֵיהֶם, דאן וועט טאקע ווערן דערפון א 'תורה שלימה' בעזהשי"ת, א ספר פון מסעות און הצלחה, א ספר פון שטייגן און התעלות, ביז צום שפיץ פון "חזק חזק ונתחזק" וואס שטייט ביים סוף פון אט דער ספר, אנצוקומען צום ריכטיגן תכלית און ציל.

## די שטילע מסעות וואס האבן נישט קיין געשיכטע

פון דא שפאנען מיר ווייטער צו נאך א וויכטיגע און חשוב'ע נקודה אין די סדר המסעות פון א איד.

ווען מיר וועלן זיך מתבונן זיין אין די אלע מ"ב מסעות וועלן מיר באמערקן, אז טייל פון די פלעצער זענען אונז טאקע באקאנט פון פריערדיגע פרשיות, מיר ווייסן וואס האט זיך דארט אפגעשפילט, וואס האט פאסירט דארט צו כלל ישראל. ווי אויך שטעלט זיך די תורה הקדושה אפ דא ביי אונז און דערמאנט ביי געציילטע מסעות וואס עס האט דארט פאסירט, לדוגמא "וַיִּסְעוּ מֵרַעְמְסֵס וגו' בַּחֲמִשָּׁה עָשָׂר יוֹם לַחֹדֶשׁ הָרִאשׁוֹן מִמָּחֳרַת הַפֶּסַח יָצְאוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל בְּיָד רָמָה לְעֵינֵי כָּל מִצְרָיִם, וּמִצְרַיִם מְקַבְּרִים אֵת אֲשֶׁר הִכָּה ה' בָּהֶם כָּל בְּכוֹר וּבֵאלֹהֵיהֶם עָשָׂה ה' שְׁפָטִים". די ערשטע נסיעה האט זיך אנגעהויבן פון רעמסס בשעת יציאת מצרים, ווען דער אייבישטער האט געשטראפט די מצריים, באלד נאך מכת בכורות האבן די אידן זיך ארויסגעלאזט אויפן וועג. אדער אין פסוק י"ד וואו עס שטייט "וַיַּחֲנוּ בִּרְפִידִם וְלֹא הָיָה שָׁם מַיִם לָעָם לִשְׁתּוֹת", אז אין רפידים איז נישט געווען קיין וואסער צו טרינקען... אבער טייל פון די מסעות דערציילן אונז גארנישט, מיר האבן נישט קיין שום ידיעה וואס עס איז דארט פאַרגעקומען און וואס האט פאסירט ביי יענע מסעות. צום ביישפיל ווען מיר לערנען "וַיִּסְעוּ מֵרִמֹּן פָּרֶץ וַיַּחֲנוּ בְּלִבְנָה, וַיִּסְעוּ מִלִּבְנָה וַיַּחֲנוּ בְּרִסָּה", אדער ווען די תורה זאגט "וַיִּסְעוּ מִבְּנֵי יַעֲקָן וַיַּחֲנוּ בְּחֹר הַגִּדְגָּד, וַיִּסְעוּ מֵחֹר הַגִּדְגָּד וַיַּחֲנוּ בְּיָטְבָתָה, וַיִּסְעוּ מִיָּטְבָתָה וַיַּחֲנוּ בְּעַבְרֹנָה" און אזוי ווייטער, וואס קומען אונז די אלע נעמען זאגען? וואס איז זייער תכלית און באדייט?

בדרך רמז שטייט דא א שטארקע יסוד וואס מיר דארפן געדענקן. צומאל אפילו עס איז נישט דא קיין שום ספעציעלע 'מעשה' און מיר האבן נישט וואס צו 'דערציילן' פון א געוויסע מסע אין לעבן, דאָך איז דאס חשוב פאר זיך און עס ווערט אויך א טייל פון אונזער תורה. די 'שטילע מסעות' אין לעבן האבן זיך זייער אייגענע צוועק, זיי זענען אויך מיט א חשבון פון הימל, און זענען טייל פון אונזער אדורכגאנג. צומאל דאס עצם 'אָנגיין' מיט'ן טאג טעגליכן לעבן און נישט ווערן צובראכן, דאס אליינס איז א מעשה פאר זיך, דאס עצם ממשיך זיין מיט'ן מסע-החיים און זיך שלאגן מיט די שטענדיגע יצר הרע און די שטענדיגע נסיונות, דאס אליינס איז א הערליכע סיפור פאר זיך און א גרויסע חלק פון אונזער שטייגן און וואקסן, אפילו אויב מיר זעען נישט מיט אונזערע אויגן קיין גרויסע חידושים וואס צו קענען דערציילן מיט התפעלות.

## די שיינקייט פון נישט אוועקווארפן דעם ביכל

מענין לענין דערמאנט עס פון א שיינע עובדא וואס עס האט אמאל דערציילט א חשוב'ער בחור. דער בחור האט געהאט א קליינע לוח וואו ער פלעגט אריינשרייבן יעדן טאג וואס ער האט געלערנט און וויפיל ער האט געלערנט, ער האט געהאלטן א חשבון הנפש (אזוי ווי די 'פנקס המסעות' פון

וואס מיר רעדן). אמאל ווען זיין משגיח אין ישיבה -וועלכער איז גאר א דערהויבענער איד- האט דאס געזעהן און ער האט אריינגעבליקט דערין, האט ער באמערקט ווי עטליכע בלעטער אינמיטן זענען ליידיג. דער בחור האט אזוי אומבאקוועם געמורמלט אז ער שעמט זיך מיט יענע טעג, ער האט דעמאלטס געהאט א שטיקל 'ירידה' און נישט אויסגענוצט די צייט ווי עס דארף צו זיין און דעריבער איז עס טאקע געבליבן ליידיג. צו זיין ערשטוינונג האט איהם דער משגיח תיכף געענטפערט מיט ליבשאפט, "און איך שעץ דוקא די טעג, איך ווער נתפעל פונעם פאַקט אז דו האסט נישט דעמאלטס אנגעכאפט דעם גאנצן לוח און עס אוועקגעווארפן אין מיסט קאַסטן"... איך אין דיין פלאץ וואלט אפשר מבטל געווען דעם גאנצן לוח און אויפגעגעבן אלעס...

לעניננו, אמאל קען זיין גרויסע חידושים אין די ליידיגע בלעטער און די ליידיגע מסעות, און זיי זענען באמת א וויכטיגע טייל פון אונזער דורכגאנג אין לעבן. עס איז גארנישט בחינם, אלעס האט א צוועק און א תכלית, און וואויל איז פאר דער וואס גייט עס אדורך און רוקט זיך פאַראויס אָן אוועקצופאלן אדער אוועקוואַרפן דעם ביכל.

**לכתך אחרי במדבר בארץ לא זרועה**

לסיום לאמיר צוענדיגן אונזער שמועס מיט א טרעפליכע משל מענינא דיומא וואס די **בעלי מוסר** האבן געזאגט:

געווען איז אמאל א קעניג וואס האט געלאזט ברענגען עטליכע געלונגענע ארטיסטן, אז יעדער פון זיי זאל אראפמאָלן א הערליכע בילד, און צום סוף וועט דער קעניג אויסוועלן דאס בילד וואס רעדט די מערסטע צו זיין הארץ.

כך הוה, די מעלער האבן אזוי געטוהן, זיי האבן זיך געזעצט אראפמאָלן די שענסטע און בעסטע בילדער וואס נאר מעגליך. איינער האט געמאלן הערליכע בלומען, איינער האט געמאכט א ים מיט א ברעג, איינער האט געמאכט א הימל מיט וואלקענעס, יעדער האט געזוכט צו מאכן די שענסטע פאנאראמע וואס וועט געפעלן פארן קעניג. איין מעלער האט פארשטאנען אז די אלע שיינע סצענעס דאס קען דאָך דער קעניג זעהן לעבעדיג פאר די אויגן, ער קען ארויסגיין שפאצירן אין זיין הערליכן גארטן, ער קען שטיין אויפן טאראסע פון זיין פאלאץ און ארויסקוקן צום ים, די אלע שיינקייטן פארמאגט ער דאָך אונטער די פיס. דער מעלער איז געגאנגען און אפגעמאלן א בילד פונעם מדבר, דארט וואו דאס לאנד האט לעצטנס אפגעהאלטן א גרויסע מלחמה און דער קעניג האט געזיגט.

איבעריג צו זאגן אז ווען דער קעניג האט באטראכט אלע בילדער, איז איהם דאס מערסטע געפאלן די בילד פונעם מדבר. דאס איז געווען דער בילד וואס האט איהם געברענגט א גוטע געפיל און געשאפט א נחת רוח וואס ער האט נישט סתם אזוי פון די שיינע ביימער און בלומען.

להבדיל, ווען מיר זענען אצינד זוכה מסיים צו זיין **ספר במדבר** וואס כשמו כן הוא, עס רעדט טאקע פון אלע וואַנדערייען און מסעות אינעם מדבר, די השתלשלות פון כלל ישראל נאך יציאת מצרים. דער ענין איז מעורר די גרעסטע חביבות ביים אייבישטער. ווי דער נביא זאגט (ירמי' ב') כֹּה אָמַר ה' זָכַרְתִּי לָךְ חֶסֶד נְעוּרַיִךְ אַהֲבַת כְּלוּלֹתָיִךְ לֶכְתֵּךְ אַחֲרַי בַּמִּדְבָּר בְּאֶרֶץ לֹא זְרוּעָה, דאס דערמאנט כביכול פאר אבינו שבשמים דאס וואס כלל ישראל איז איהם נאכגעגאנגען מיט אהבה און געטריישאפט טאקע אינעם מדבר אינעם ארץ לא זרועה וואו עס איז גארנישט פאראהאן.

אבער ווי מיר לערנען אצינד איז דאס נישט נאר א איינמאליגע זאך וואס האט פאסירט דעמאלטס ביי יציאת מצרים, נאר דאס חזר'ט זיך איבער בכל דור ודור, ביי יעדער איד באזונדער אין יעדן זמן. מיר אלע לאזן זיך ארויס אויף א רייזע, זֶה בְּכֹה וְזֶה בְּכֹה, יעדער אויף זיין אופן מיט זיינע נסיונות און זיינע מניעות און טירדות, ער איז מקיים אויף זיין אייגענעם וועג דעם לֶכְתֵּךְ אַחֲרַי בַּמִּדְבָּר בְּאֶרֶץ לֹא זְרוּעָה.

ווי מיר האבן פריער דערמאנט פונעם **בעש"ט הק' זי"ע** אז יעדער מענטש גייט אדורך די מ"ב מסעות, די מ"ב מסעות זענען מרמז אויפן שֵׁם מ"ב, דאס איז דער שֵׁם פון צוויי און פערציג אותיות די ראשי תיבות פון **אנא בכוח** וואס מיר דערמאנען ביי ספירה ציילן (זעה אין דגל מחנה אפרים הנ"ל ווי ער איז מסביר דעם ענין). די שמות הקדושים זענען מרמז אויף די תפלות וואס מיר דארפן פארגיסן גייענדיג אויף אונזער מסע-החיים און בעטן פון השי"ת אז ער זאָך אונז היטן, באשיצן, און באגליקן אונזערע וועגן, בָּרְכֵם טַהֲרֵם רַחֲמֵם, צִדְקָתְךָ תָּמִיד גָּמְלֵם, בְּרוֹב טוּבְךָ נַהֵל עֲדָתֶךָ, שַׁוְעָתֵנוּ קַבֵּל וּשְׁמַע צַעֲקָתֵנוּ, און אזוי ווייטער.

און אז מיר וועלן מתפלל זיין און ווענדן אונזערע אויגן צום הימל און בעטן אויף סייעתא דשמיא, און מיר וועלן פראבירן צו האבן א קלארע חשבון הנפש דורכ'ן האלטן קאפ און פארשרייבן אונזערע מסעות און דערגרייכונגען. און אפילו ווען עס איז נישט דא וואס צו פארשרייבן אדער צו דערציילן, וועלן מאכן השתדלות נישט צו פארלירן דאס אלטע און זיך נישט מייאש זיין און אוועקווארפן די פריערדיגע, דאן וועלן מיר בשם ה' אנקומען בשלימות צו **"חזק חזק ונתחזק"** אויפטוהן אונזער תפקיד און תכלית אויף די וועלט לעשות רצון אבינו שבשמים, אכי"ר.

לסיכום געדענק:

- דער בעש"ט הק' זאגט אז יעדער איד גייט אדורך צוויי און פערציג מסעות אין זיין לעבן. די מסעות זענען הייליג און טייער און עס ווערט פון זיי תורה!
- ווען מען לעבט מיט א חשבון און קלארקייט "וואס זענען מיינע מסעות? דארף איך זיך פארבעסערן? אין וועלכע ריכטונג רוק איך זיך? מאך איך א שינוי לטובה אדער נישט?", דאס אליינס איז שוין האלב געשטיגן.
- אפילו ווען מיר שפירן נישט קיין גרויסע חידושים און תועלת, דאס אליינס איז א הערליכע חידוש אז מען גייט אָן און מען גיבט נישט אויף! דאס ווערט טייל פון אונזער מסע החיים אנצוקומען צום תכלית.

## א לעבטיגע שבת קודש און א גוטן חודש!

זיך איינצושרייבן צו באקומען די "מיט א טיפערן בליק"
דורך אי-מעיל בעז"ה tiferenblik@gmail.com